וואַסער אינעם בעקן און אָנגעהויבן צו וואַשן
די תּלמידימס פֿיס און אָפּצואווישן מיטן האַנטוך,
6 מיט וועלכן ער איז געווען אַרומגעגאַרטלט. אַזוי
קומט ער צו שמעון פּעטרוסן. זאָגט ער צו אים:
7 האַר, דו זאָלסט מיר וואַשן די פֿיס? האָט ישוע
געענטפֿערט און געזאָגט צו אים: וואָס איך טו,
ווייסטו נישט אַצונד, שפּעטער אָבער וועסטו זיך
8 דערוויסן. זאָגט פּעטרוס צו אים: דו זאָלסט מיר
בשום אופֿן קיינמאָל נישט וואַשן מיינע פֿיס. האָט
ישוע אים געענטפֿערט: אויב איך וואַש דיך נישט,
9 האָסטו נישט קיין חלק מיט מיר. זאָגט שמעון
פּעטרוס צו אים: האַר, נישט בלויז מיינע פֿיס,
10 נאָר אַפֿילו מיינע הענט און דעם קאָפּ! זאָגט ישוע
צו אים: דער געוואַשענער דאַרף נישט מער ווי
אָפּצוואַשן די פֿיס, ווייל ער איז אינגאַנצן ריין; און
11 איר זענט ריין, אָבער נישט אַלע. וואָרום ער האָט
געוואוסט, ווער עס וועט אים פֿאַרראַטן; דערפֿאַר
האָט ער געזאָגט: נישט אַלע זענט איר ריין.
12 און ווען ער האָט שוין געהאַט געוואַשן זייערע
פֿיס, און גענומען זיינע מלבושים, און זיך ווידער
אַנידערגעזעצט, האָט ער צו זיי געזאָגט: צי ווייסט
13 איר וואָס איך האָב געטון צו אייך? איר רופֿט מיך
רבי און האַר, און ריכטיק זאָגט איר, וואָרום איך
14 בין עס. דעריבער אויב איך, דער האַר און רבי,
האָב אייך געוואַשן אייערע פֿיס, זענט איר אויך
15 מחויב צו וואַשן איינער דעם אַנדערן די פֿיס. וואָרום
איך האָב אייך געגעבן אַ ביישפּיל, כּדי, ווי איך
האָב געטון צו אייך, אַזוי זאָלט איר אויך טון.
16 באמת, באמת זאָג איך אייך: אַ קנעכט איז נישט
גרעסער ווי זיין האַר, אויך איז אַ שליח נישט
17 גרעסער ווי דער, וואָס האָט אים געשיקט. אויב